בעזרת השם יתברך

גליון
# סיפורי מעשיות
פארן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

100
הונדערט'סטע גליון

פרשת תצוה
י"א אדר ה'תשפ"ג
שנה 4, גליון 13 (100)

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

### דִי מַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חִידּוּשׁ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה), אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם סֵפֶר זֶענֶען גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אָבֶּער דִי מַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, דִי מַעֲשֶׂה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חִידּוּשׁ, עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַלֶע חָכְמוֹת, עֶס אִיז פוּל מִיט מוּסָר אוּן תּוֹרוֹת, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בְּשַׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְוֵוי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ טוּ הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה, אָבֶּער דִי גֶעהַאלְט דֶעקְט נִישְׁט מַיינֶע הוֹצָאוֹת, אִיךְ דַארְף קוֹיפְן אַ נֵייעֶ קֶערִידְזְשׁ, אַ נֵייעֶ קְרוּבּ, נֵייעֶ ווִינְטֶער מַאנְטְלֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט".

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיי, וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן דִי קִינְדֶער ווִידֶער גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער.

אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער, אַ בְּלִינְדֶער, אַ טוֹיבֶּער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס. דִי אַלֶע בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי קִינְדֶער.

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

**דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי וַוייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגִיגַאנְגֶען.**

### בַּאלְד וֶועסְטוּ דַארְפְן פְרִישֶׁע חִיזּוּק

דִי 'בְּרוֹיט' פוּן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָא, זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף 'דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת' פוּנֶעם צַדִּיק; עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר אַז מֶען הָאט דִי חִיזּוּק פוּנֶעם צַדִּיק, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען דַארְף כְּסֵדֶר פְרִישֶׁע חִיזּוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

אַמָאל טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין מְחוּזָק, אִיךְ בִּין מְסוּדָר, אִיךְ דַארְף נִישְׁט מֶער קַיין הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן', דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען, יֶעצְט בִּיסְטוּ טַאקֶע מְסוּדָּר אָבֶּער בַּאלְד וֶועט אוֹיסְגֵיין דִי חִיזּוּק, בַּאלְד וֶועסְטוּ דַארְפְן פְרִישֶׁע חִיזּוּק! דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין הֶערְן נָאךְ אוּן נָאךְ וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס וֶועט גֶעבְּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין יֶעדְן טָאג לֶעבְּן.

**הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ וֶועג. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג. בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ דָארְף. זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין. הָאט מֶען אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת גִיהַאט. אוּן מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין גִיגַאנְגֶען. הָאט מֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. פְלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער. הָאבְּן זֵיי גִיזֶעהְן סֶע גוּט, מֶע גִיט זֵיי בְּרוֹיט, הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד זַיין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גִימַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע שִׂמְחוֹת, אוֹיף בְּרִית'ן אוּן אוֹיף חַתּוּנוֹת.**

### גֵיי אַרוּם נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי הַייזֶער

דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז דָא אַ וֶועג וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען אִיז אַ פַארְלוֹירֶענֶער, מֶען זִינְקְט אִין חוֹבוֹת; עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר דִיר ווִי אַזוֹי צוּ הָאבְּן עֶסְן, גֵיי אַרוּם נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי הַייזֶער.

### אַ גֶעלְט גֵייעֶר אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ

עֶס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁמוּעֶס וָואס מֶען דַארְפְן ווִיסְן, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט קְלַאפְּן בַּיים טִיר נָאךְ גֶעלְט אוּן דַיין קִינְד קוּמְט דִיר זָאגְן אַז אֵיינֶער שְׁטֵייט בַּיים טִיר נָאךְ גֶעלְט, טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרֶעכְצְן. אִיךְ וואוֹין אִין אַ גְרוֹיסֶע בִּנְיָן פוּן אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, גֶעלְט גֵייעֶר הַאלְטְן אִין אֵיין אַרוּמְגֵיין בַּיי דִי הַייזֶער, וַוייל אַז זֵיי גֵייעֶן אִין אַ צְוֵויי שְׁטָאקֶעדִיגֶע בִּנְיָן, דַארְפְן זֵיי אַרוֹיף גֵיין צְוֵויי שְׁטָאק אוּן צוּרִיק אַרָאפּ גֵיין צְוֵויי שְׁטָאק אוּן מֶען אִיז בְּלוֹיז גֶעוֶוען בַּיי צְוֵויי דְרֵיי מִשְׁפָּחוֹת, גֵייעֶן זֵיי אִין דִי גְרוֹיסֶע בִּנְיָנִים, וָואס אִין אֵיין בִּנְיָן וואוֹינֶען דְרַייסִיג פֶערְצִיג מִשְׁפָּחוֹת. הַאלְט מֶען אִין אֵיין קְלַאפְּן בַּיי מִיר נָאךְ גֶעלְט, קוּק אִיךְ אֵייבִּיג ווִיפִיל גֶעלְט אִיךְ הָאבּ אִין טַאשׁ, אִיךְ גֶעבּ פַאר יֶעדֶע קִינְד אֵיין דָאלֶער אוּן יֶעדֶער גֶעבְּט צְדָקָה, אִיךְ זָאג פַאר מַיינֶע קִינְדֶער "בֶּעט אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ", מִיר

מַאכְן שֵׁיינֶע זַאכְן וֶוען עֶס קוּמְט אַ גֶעלְט גֵייעֶר בַּיים טִיר, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז אַ גֶעלְט גֵייעֶר אִיז אַ חָשׁוּבְ׳עֶ זַאךְ.

### טַאטִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים!

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרָא״ש, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד זָאג פַארְ׳ן צְדָקָה גֵייעֶר: **״טַאטִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים!״** אַז עֶס קוּמְט אַן אָרֶעמַאן גֵייט מֶען צוּם טִיר, מֶען נֶעמְט אִים אוֹיף שֵׁיין, אוּן מֶען גֶעבְּט אִים וִויפִיל מֶען קֶען. עֶס אִיז אַ סַכָּנָה צוּ זָאגְן פַאר אַ גֶעלְט גֵייעֶר ״טַאטִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים!״ עֶס קֶען זַיי ׳כִּשְׁגָגָה שֶׁיֹּצָא מִלִּפְנֵי הַשַּׁלִּיט׳ אַז דֶער טַאטֶע זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן טַאקֶע מֶער נִישְׁט זַיין אִינְדֶערְהֵיים, חַס וְשָׁלוֹם.

בִּכְלַל טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּ זָאגְן לִיגְנְט; מֶענְטְשְׁן רוּפְן מִיר אַ גַאנְצֶע טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, זָאג אִיךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, זָאג פַאר דֶער וָואס רוּפְט יֶעצְט: **״מַיין טַאטֶע ׳ווִיל׳ נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם טֶעלֶעפָאוֹן״**, זָאג נִישְׁט: **״מַיין טַאטֶע ׳קֶען׳ נִישְׁט צוּקוּמֶען״, ״מַיין טַאטֶע אִיז פַארְנוּמֶען״**, וַוייל דָאס אִיז לִיגְנְט, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זָאגְן לִיגְנְט, חַס וְשָׁלוֹם.

### מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן צוּ הֶערְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי זַאךְ פוּן אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט, **׳וָואס? אִיךְ זָאל אַרוּמְגֵיין קְלַאפְּן אוֹיף טִירְן? אִיךְ זָאל גֵיין קְלֵייבְּן גֶעלְט בַּיי דִי הַייזֶער?!׳** אָבֶער אַז מֶען ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): **״מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב״**, וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן – זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת.

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעהַאלְט, אָדֶער דַיין קְלֵיינֶע גֶעהַאלְט דֶעקְט נִישְׁט דַיינֶע הוֹצָאוֹת, גֵיי נָאךְ גֶעלְט, דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט פַאר דִיר, בֶּעט צְדָקָה פַאר **״אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט נִישְׁט צוּ לֶעבְּן״**.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מִיר אַ אִיד נָאךְ גֶעלְט, עֶר זָאגְט אַז עֶר גֵייט **״פַאר אַן אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה״**, קוּק אִיךְ אִים אַרַיין אִין דִי אוֹיגְן, אוּן אִיךְ זֶע שׁוֹין גְלַייךְ פַאר וֶועלְכֶע אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה עֶר גֵייט... נֶעם אִיךְ אַרוֹיס אַ דָאלֶער, אַ פִינֶעוֶוער אָדֶער מֶער, אוּן אִיךְ גֶעבּ אִים עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן חַלּוֹת אוֹיף שַׁבָּת.

מֶען דַארְף אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פַאר וֶועמֶען מֶען גֶעבְּט, עֶס זֶענֶען לֵיידֶער דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אַרוּם נָאךְ גֶעלְט פַאר זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין צוּ קְלוּג דָאס צוּ בַּאמֶערְקְן, מֶען זֶעט גְלַייךְ זַיינֶע אוֹיגְן שְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט גְרָאד, זַיינֶע צֵיינֶער זֶענֶען שִׁיף אוּן אַ טֵייל זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס גֶעפַאלְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי אַלֶע סִימָנִים דֶערְצֵיילְן שׁוֹין פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר טוּט מִיט דִי גֶעלְט, עֶר קוֹיפְט זִיךְ סַמִּים, דְרָאגְס וְכוּ׳, אִים טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד, גֶעבְּט מֶען אִים כָּאטְשׁ אֵיין פְּרוּטָה.

### זֶערָא עֶ״י פִּ״י אַ״ר

וֶוען מֶען הָאט חוֹבוֹת אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה צוּ עֶפֶענֶען קְרֶעדִיט קַארְדְ׳ס, וַוייל נָאכְדֶעם דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ אִין אַן עֶרְגֶערֶע מַצָּב פוּן פְרִיעֶר. קְרֶעדִיט קַארְדְ׳ס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי טִיפֶער מַאכְן דִי לָאךְ פוּן חוֹבוֹת, עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען טְרַאכְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ וַוייל עֶס אִיז זֶערָא עֶ״י פִּ״י אַ״ר (APR), מֶען קֶען אוֹיסְבָּארְגְן גֶעלְט אָן בַּאצָאלְן קַיין רִיבִּית אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, אָבֶער נָאךְ דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים הֵייבְּט עֶס צוּ בַּייסְן אוּן בַּייסְן, ווִי דִי תּוֹרָה רוּפְט עֶס אָן (שְׁמוֹת כב, כד): **״נֶשֶׁךְ״**, אַ בַּייסוּנְג, רַשִׁ״י אִיז מַסְבִּיר, ׳רִבִּית׳ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳אַ בַּייסוּנְג׳, וַוייל דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בַּייס פוּן אַ שְׁלַאנְג, עֶר גֶעבְּט אַ קְלֵיינֶעם בַּייס אוֹיפְ׳ן פוּס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פִילְט דָאס נִישְׁט שְׁטַארְק, אָבֶער פְּלוּצְלִינְג גֵייט דָאס אַרוֹיף אוּן דָאס וֶוערְט גֶעשְׁוָואלְן אוּן דֶערְגְרַייכְט בִּיז זַיין קָאפּ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט רִבִּית, עֶר זֶעט אוֹיס אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נָאר קְלֵיין גֶעלְט דָאס וָואס עֶר פַארְמֶערְט צוּ דִי הַלְוָאָה, אָבֶער מִיט דִי צַייט וַואקְסְט דָאס מֶער אוּן מֶער אוּן עֶס מַאכְט אִים פַארְלִירְן אַסַאךְ גֶעלְט.

אוֹיךְ דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי מִינֵי חוֹבוֹת, אִיךְ זֶע אִינְגֶעלַייט פַאלְן אַרַיין אִין אַזַא קַטְנוּת הַדַּעַת אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ שֵׂכֶל צוּ כַאפְּן דֶעם גֶעדַאנְק; וֶוען מֶען אִיז שׁוּלְדִיג ׳פַאר אַ חַבֶר׳ צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיז דָאס טוֹיטֶע חוֹבוֹת, דֶער חוֹב וַואקְסְט נִישְׁט, עֶס בַּייסְט נִישְׁט, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז שׁוּלְדִיג ׳פַאר דִי בַּאנְק׳ גֶעלְט פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְ׳ס, וַואקְסְט דָאס מֶער אוּן מֶער. אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיבּ מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט אִין בַּאנְק, דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען דֶעם נָאמֶען בַּיי אַלֶע לֶעגַאלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, ווִי קוֹיפְן אַ הוֹיז, אַ קַאר; עֶס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע סַכָּנָה צוּ הָאבְּן חוֹבוֹת פוּן רִיבִּית, עֶס מַאכְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת אִין בַּאנְק, גֵיי צוּ דַיין חַבֶר אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר בָּארְגְן פִינֶעף טוֹיזְנְט דָאלֶער, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן דַיינֶע קְרֶעדִיט קַארְדְ׳ס.

### מֶען קֶען דָאס טוּן אִינְאֵיינֶעם מִיט הֲפָצָה

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, גֵיי בַּיי דִי הַייזֶער נָאךְ גֶעלְט. מֶען קֶען דָאס טוּן אִינְאֵיינֶעם מִיט הֲפָצָה, מֶען גֵייט בַּיי דִי הַייזֶער, מֶען בֶּעט צְדָקָה פַאר **״אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט נִישְׁט צוּ לֶעבְּן״**, אוּן מֶען גֶעבְּט אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה; אַזוֹי אִיז מֶען אַ מַשְׁפִּיעַ.

### אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ טָאג

אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה אַפָּאר שָׁעָה, אָדֶער נָאכְמִיטָאג אָדֶער פַארְנַאכְטְס – קֶענְסְט פַארְדִינֶען מֶער וָואס אַ צְוֵוייטֶער פַארְדִינְט דוּרְךְ אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג. אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ פְרֶעג אִים: **״אֶפְשָׁר זוּכְסְטוּ אַן אַרְבֶּעט? אֵיינֶער זוּכְט אַ בּוּכְהַאלְטֶער, עֶר צָאלְט זֵייעֶר שֵׁיין״**, (וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶעם שְׁטֶעטְל הָאבּ מֶען גֶעמֵיינְט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט זַיין קַיין פַּרְנָסָה אִין שְׁטֶעטְל, בִּיז דֶערְוַוייל עֶפֶענֶען זִיךְ בִּיזְנֶעסֶער אִין גְרוֹיסְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג אַרְבֶּעטֶערְס...) זָאגְט עֶר מִיר: **״אִיךְ דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן? אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֵייסְט מִיר אַרְבֶּעטְן – גֵיי אִיךְ אַרְבֶּעטְן, אִיךְ ווִיל אָבֶער זָאגְן פַארְ׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ פָאר אַרוֹיס פוּן שְׁטֶעטְל**

יֶעדְן טָאג דְרַיי אַזֵייגֶער – הֲפָצָה, אִיךְ גֵיי פַאר צְוֵויי שָׁעָה אוּן אִיךְ בְּרֶענְג אַהֵיים אִיבֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ טָאג, וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס אַרְבֶּעטְן פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער?" זֶעט מֶען אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי הַייזֶער מִיט סְפָרִים קֶען מֶען לֶעבְן אַ שֵׁיינֶע בְּרֵייטֶע לֶעבְן אָן חוֹבוֹת.

### פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער!

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט, אַ בָּחוּר אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען פַארְיָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל מְנַדֵב זַיין דֶעם שַׁעַר הַבִּנְיָן פוּנֶעם נֵייעֶם בֵּית הַדְפוּס. פַאר פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הֶעלְפְט צַאמְנֶעמֶען דִי גֶעלְט פַארְ'ן נֵייעֶם בִּנְיָן הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר זָאל דָאס יֶענֶעם אַוֶועקְגֶעבְן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"דוּ קֶענְסְט דָא נִישְׁט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן, אָדֶער וֶועט עֶר דִיר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט – אָדֶער נִישְׁט, אַז עֶר וֶועט בְּרֶענְגֶען דָאס גֶעלְט בִּיז סוֹף יָאר צוּם חֲנֻכַּת הַבַּיִת לֵייג אַרוֹיף דֶעם טָאוְול אוּן אַז נִישְׁט – אִיז נִישְׁט".**

לְמַעֲשֶׂה אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר, אוּן דֶער בָּחוּר נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס 'פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער!' דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן אִין דִי צַייט פוּן נָאךְ יְשִׁיבָה, נָאךְ זִיבְן אַזֵייגֶער – פַאר אַפָּאר שָׁעָה, וַוייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט גֵיין נָאךְ גֶעלְט צוּ שְׁפֶּעט בַּיי חֲתוּנוֹת, מֶען גֵייט נָאר בַּיי דִי סְעוּדָה. אוּן דָאס אִיז בְּנוֹסָף וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי יְשִׁיבָה, צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פָּארְט אַוֶועק מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה יֶעדֶע דְרֵיי פִיר וָואכְן. דָאס וַוייזְט פַאר אִינְגֶעלַייט, בִּיסְט אִין כּוֹלֵל, בִּיסְט אַ מְלַמֵד, בִּיסְט אַן אַרְבֶּעטֶער, נֶעם אַרָאפּ אֵיין שָׁעָה בַּיינַאכְט, גֵיי נָאךְ גֶעלְט, וֶועסְטוּ שַׁאפְן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר וֶוער עֶס וִויל נִישְׁט זַיין קַיין מְקַבֵּל, גֵייט מֶען אַרוּם מִיט קוּנְטְרֵסִים, יוּ עֶס בִּי"ס אוּן גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס בַּיי דִי הַייזֶער. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁרֵייעֶן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה דֶערְמִיט; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: **"וָואס בְּרֶענְגְסְטוּ דָא דִי זַאכְן?..."** אוּן עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְן אוֹיף, זַיי פְרֶעגְן מִיט דוּרְשְׁט: **"וָואס נָאךְ הָאסְטוּ? הָאסְט נָאךְ עֶפֶּעס אוֹיף חִינוּךְ? נָאךְ עֶפֶּעס אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת?"**

### דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁפְּרַאךְ, אַהֵיימְגֵיין...

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַנְשְׁטָאט אַלֶע מֵפִיצִים זָאלְן גֵיין מִיט דִי זֶעלְבֶּע קוּנְטְרֵסִים, טֵייל אִיךְ אַיין אַז יֶעדֶער גֵייט מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען גַאנְץ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג מִיטְ'ן קוּנְטְרֵס "זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה", אַ צְוֵויטֶער בָּחוּר גֵייט אַרוּם מִיטְ'ן קוּנְטְרֵס "אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער בָּחוּר הָאט מִיר נֶעכְטְן בַּיי דִי בָּאטֶע דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעגֶעבְן דֶעם קוּנְטְרֵס "אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען" פַאר אַ פוּפְצִיג יֶערִיגֶער אִיד, דֶער אִיד לֵיינְט דֶעם דֶעקֶל וָואס עֶס שְׁטֵייט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: **"אַ סֵדֶר אוּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ!"** פְרֶעגְט דֶער אִיד: **"עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי? אִיז דָא אַ וֶועג אוֹיףְ פַאר אַ אִיד אִין מַיינֶע יָארְן צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ?! דוּ מֵיינְסְט עֶס עֶרְנְסְט?"** הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"יָא! לֵיינְט דוּרְךְ דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר זֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אֲפִילוּ עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה! אַז מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵר מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן קֶען מֶען אִין אַפָּאר יָאר עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה".**

דֶער בָּחוּר הָאט אִים צוּגֶעלֵייגְט, "דֶער דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז עֶרְשְׁט גֶעמַאכְט פַאר עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל לֶערְנֶען כְּדֵי צוּ הָאבְן מִיט וָואס אַהֵיימְצוּגֵיין..." - דָאס הָאט שׁוֹין דֶער אִיד נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, "וואוּ אַהֵיימְגֵיין?" דֶער אִיד הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט דֶעם אוֹיסְדְרוּק...

אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא דֶער שְׁפְּרַאךְ פוּן 'אַהֵיימְגֵיין'; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל פַאר זַיין פְּטִירָה, הָאבּ אִיךְ גֶערוּפְן ר' ... נֵרוֹ יָאִיר פְרֶעגְן וָואס טוּט זִיךְ נֵייעֶס אִין שְׁפִּיטָאל, זָאגְט עֶר מִיר אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"אוֹיף שַׁבָּת וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אִינְדֶערְהֵיים!"** אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן... וָואס גֵייט פָאר? - פְרֶעגְט עֶר מִיר, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁפְּרַאךְ? מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַהֵיימְגֵיין צוּ זַיין הוֹיז, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ נִיצְן דֶעם אוֹיסְדְרוּק אַז מֶען גֵייט שׁוֹין אַהֵיים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן..."**

### פֶּעקְלֶעךְ קֶעשׁ!

דִי מֵפִיצִים מַאכְן פֶּעקְלֶעךְ גֶעלְט, פֶּעקְלֶעךְ קֶעשׁ! אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דָא מֵפִיצִים וָואס הָאבְן גֶעקוֹיפְט הַייזֶער מִיט קֶעשׁ! אִין אֵיינְוֶועגְס הָאסְטוּ גֶעגֶעבְן פַאר מֶענְטְשְׁן לֶעבְן. דֶער מֵפִיץ שֶׁעמְט זִיךְ וֶוען עֶר לֵייגְט דִי גִּלְיוֹנוֹת, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זוּכְן עֶס.

### מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייטְן וָואס דִי מֵפִיצִים זֶענֶען נִישְׁט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וְכַדוֹמֶה, זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי גִּלְיוֹנוֹת, זֵיי קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט זַיין אָן דֶעם, זֵיי זוּכְן אִין אַלֶע סִדוּרִים אוּן חֻמָּשִׁים, זֵיי עֶפֶענֶען יֶעדֶע סֵפֶר אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ גִּלְיוֹן!

### אִיךְ קוּם נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר קֵיינֶעם

צוּרִיק צוּם שְׁמוּעֶס פוּן חוֹבוֹת; הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פַארְ'ן דַאוֶוענֶען וֶועגְן חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה אוּן נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת (דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אַ שָׁאד מֶען דְרוּקְט נִישְׁט אָפּ אַלֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, בִּיז דֶערְוַוייל דְרוּקְט מֶען נָאר דִי שִׁיעוּרִים אִין סֵפֶר 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' אוּן אִין סֵפֶר 'פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק'). אֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס פֶעלְט אוֹיס אַזוֹי סַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"גֵיי בְּרֶענְג מִיר אֵיינֶעם וָואס הַאלְט שׁוֹין נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן צְוֵויי דְרֵיי קִינְדֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין דָאלֶער חוֹבוֹת... אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, אִיךְ רֶעד פוּן דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הַאלְט נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן דְרֵיי קִינְדֶער אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר קֵיינֶעם, נָאר וַוייל אִיךְ פָאלְג מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ מַאךְ**

פָּשׁוּט׳עֶ שִׂמְחוֹת, אִיךְ מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ. דֶערִיבֶּער רֶעד אִיךְ צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי סַאךְ פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ וִויל עֶנְק זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְּן אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה חוֹבוֹת״.

### הַצְלָחָה פוּנֶעם שְׁטֶעטְל

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בּוֹיעֶן דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה וְכוּ׳, דָארְט בָּארְג אִיךְ יָא גֶעלְט, מֶען זָאל קֶענֶען וַוייטֶער בּוֹיעֶן אוּן בּוֹיעֶן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט דִי צְוֵוייטֶע בִּנְיָן פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטֶעטְל, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּ אַ דְרִיטֶע בִּנְיָן. וֶוער עֶס קֶען אַבִּיסְל רֶעכֶענֶען זֶעט אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז שׁוֹין אַלֶעס אוֹיסְגֶעוַואקְסְן; פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז צֶען קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט, יֶעצְט וואוֹינֶען שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, בִּיז דֶערְוַוייל שִׁיקְן נָאר ׳פִינְף אוּן דְרַייסִיג׳ מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי מוֹסְדוֹת, דִי אַנְדֶערֶע ׳פִינְף אוּן זֶעכְצִיג׳ מִשְׁפָּחוֹת הָאבּ נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס מִיר דַארְפְן פְרִישֶׁע בִּנְיָנִים פַאר אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אָנְהֵייבְּן גֵיין אִין חֵדֶר אוּן סְקוּל.

[דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט, דִי סוֹד צוּ דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם שְׁטֶעטְל אִיז וַוייל יֶעדֶער אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַזַא גֶעפִיל, אַזַא הֲנָאָה - צוּ טוּן פַאר דִי מוֹסָד, יֶעדֶער שְׁפִּירְט בַּיים הֶעלְפְן דִי מוֹסָד וִוי מֶען הֶעלְפְט זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען טוּט דָאס מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ; נָאר אַזוֹי הַאלְטְן מִיר דָא וִוי מִיר הַאלְטְן, עֶס אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן דְרֵיי יָאר פוּן דִי הִתְיַיסְדוּת פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל אוּן מֶען הָאט אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה].

### נֶעם אַ שׁוּתָּף, אַ חַבֵר

אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ פְּרִיוַואט טָאר נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט, אוּן אוֹיבּ בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַ גְרָאסֶערִי וְכַדוֹמֶה, זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי הַייזֶער, בַּיי חֲתוּנוֹת אוּן בַּיי בְּרִית׳ן. אוּן אוֹיבּ אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, קֶענְסְטוּ נֶעמֶען אַ שׁוּתָּף, אַ חַבֵר, דוּ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אִים, זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז דוּ הֶעלְפְסְט דֶעם חַבֵר מִיט גֶעלְט, אוּן דַיין חַבֵר זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִיר, עֶר זָאל זָאגְן פַאר זַיין וַוייבּ אַז עֶר גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר דִיר.

### עֶר וַוארְפְט נֶעבֶּעךְ אַוֶועק דִי גַאנְצֶע שֶׁפַע

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קיב) אַז עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דִי עֲבֵירָה אִיז אַז מֶען אִיז אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ בַּעַל חוֹב, וָואס מֶען זָאל נָאר נִישְׁט טוּן - וֶועט מֶען אַלְץ בְּלַייבְּן אַ בַּעַל חוֹב. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אָרֶעם, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוארְפְט עֶר נֶעבֶּעךְ אַוֶועק דִי גַאנְצֶע שֶׁפַע, וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): ״מַאן דִמְזַלְזֵל בִּפְרוּרִין דְנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ״, וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט עֶר זַיין אַן אָרֶעמַאן, ״כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְמוֹחָא״, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ צוּ זַיין הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן דַארְף מֶען זֵיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן אַז מֶען אִיז שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף מֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט פּוֹגֵם בִּבְרִית קוּמְט שֶׁפַע.

מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן אַז זִי הָאט דִיר עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, אָדֶער דוּ הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶע׳מָשָׁלְ׳ט עֶס גֵייט קוּמֶען אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת, מֶען גֵייט רֶעדְן שֵׁיין אוּן שְׁמֵייכְלֶען, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז עֶפֶּעס גֶעשֶׁען אוּן זִי בְּלָאזְט וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, בֶּעט אִיר אִיבֶּער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ. דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ צֶעשְׁטֶערְן אַ שַׁבָּת צְוִוישְׁן אַ פָּארְפָאלְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת, מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: ״שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ״.

בס״ד

כולל
היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

התודה והברכה

לידידינו היקר
מוה״ר **יואל טייטלבוים** שליט״א
שנדב סכום הגון לכוללינו
לעילוי נשמת הר״ר **ישראל שלום**
בן הר״ר **אפרים** ז״ל



קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
**212-444-9191 / 845-351-0910**
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
**845-351-9060 / 212-444-9169**
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876